(Ed. note: this has been translated from our restored version, which we give in YIVO below, as several words of the orig. publication cannot be made out. *You closed your eyes*, published in *Haynt*, in July 1920, can usefully be compared with the clear homage to the Berdichever Rebbe, *Un Er Mont*, He Makes His Demands; which appeared in *Moment* a year later, significantly together with "*Mir- Ahin*" - "three gifts for Hillel Tsaytlin's jubilee").

**You closed your eyes**
**by Yisroel Shtern (1920)**
Translated by Andrew Firestone (2007)

You closed your eyes
and sleep
and dream
and dream
far, far away
over dry red eyes
over inconsolable tears of shame
over the old,
generations-old sorrow;
over young,
powerful young rage;
far, far away
to the last
lingering spark
that against his will
was blown about
by unclean winds
onto the white Torah parchment* - (yeriye = a page of Torah parchment)
and burns down the place
where stood his two brothers:
Fire, Religion...
and burns himself out
with them together...
far, far away
to the last scrap of glass
of a window shattered
in a synagogue,
to the last rails
by a train somewhere –
they look and see
but say nothing

of him alongside them
who stabbed a Jew...
You left,
in your youth you left,
you left exhausted;
and lie
on your hard bed,
and your sorrow won’t let
you raise your eyelids;
you keep your eyes closed
and dream
and dream
of white white worlds,
of blue blue worlds
with “seven stars” in their centre...
While we,
we run around every corner of the world
seeking a blue hour ...
seeking a star in the night –
but it is dark, so dark;
Where do the roads part?
Little children from great dreamers,
little children on the roads...
and running, we blunder upon
(now and then when the night is hard)
your massive hard bed.
Quite still we stand, silently gazing
upon your lowered lids,
your closed eyes;
still we stand and listen:
you murmur tearfully in your sleep:
my people...
my people...

====================

## **האָסט די אויגן  צוגעמאַכט**

האָסט די אויגן  צוגעמאַכט
און שלאָפֿסט
און טרוימסט
און טרוימסט
ווײַט – ווײַט
איבער טרוקענע רויטע אויגן;

איבער טרײסטלאָז–פֿאַרשעמטע טרערן;
איבער אַלטן,
דורות–אַלטן טרויער;
איבער יונגן,
מוטיק–יונגן צאָרן;
װײט – װײט
ביז דעם לעצטן
פארשראָקענעם פֿונק
װאָס איז קעגן זײַן װילן
דורך אומרײנע אָטעמס
צעבלאָזן געװאָרן
אויף דער װײַסער יריעה,
און פֿאַרברענט דאָס אָרט
װוּ עס זענען געשטאַנען
זײַנע צװײ ברידער:
אֵש ,דת ...
און אויסגעברענט זיך
צוזאַמען מיט זײ - - ;
װײַט – װײַט
ביז דאָס לעצטע שטיקל גלאָז
פֿון אַן אויסגעהאַקטן פֿענצטער
אין אַ שול,
ביז די לעצטע רעלסן
דאָרט ערגעץ בײַ אַ באַן
װאָס קוקן און זען
און זאָגן נישט אויס:
װער ס'האָט נעבן זײ
אַ ייִדן דערשטאָכן...
ביסט אַװעק.
ייִנגערהײט אַװעק,
אַ פֿאַרמאַטערטער אַװעק;
און ליגסט
אויף דײַן האַרטן בעט,
און דו קענסט פֿאַר צער
נישט אויפֿהייבן די ברעמען;
האַלטסט פֿאַרמאַכט די אויגן
און טרוימסט
און טרוימסט
פֿון װײַסע, װײַסע װעלטן,
פֿון בלויע, בלויע װעלטן
מיט 'זיבן שטערן' אין דער מיט...
און מיר,
מיר לויפֿן אין אַלע עקן װעלט אַרום
מיר זוכן אַ בלויע שעה אַרום - -
מיר זוכן אַ שטערן אין דער נאכט -
און פֿינצטער, פֿינצטער איז אַרום; - -
װוּ צעשײדן זיך די װעגן? - -
קלײנע קינדער פֿון גרויסע טרוימער,
קלײנע קינדער אויף די װעגן...
און לויפֿנדיק, פֿאַרבלאָנדזשען מיר

אַמאָל אַמאָל אין אַ שווערער נאַכט
פֿאַר דײַן גרויסן האַרטן בעט.
מיר בלײַבן שטיין און קוקן שטיל
אויף דײַנע אַראָפּגעלאָזטע ברעמען
אויף דײַנע צוגעמאַכטע אויגן;
מיר בלײַבן שטיין און הערן-צו:
דו מורמלסט וויינענדיק פֿון שלאָף:
מײַן פֿאָלק...
מײַן פֿאָלק...

---